Tuesday, February 8, 1955 — FORWARD

# די געהויבענע רעדע פון הרב יוסף דוב סאָלאָווייטשיק צו זיין פאָטער'ס יאָרצייט

**זיינע טיפע געדאנקען וועגען די צוויי הויפט־יסודות פון אידענטום. — דער ביישפיל פון כהן גדול'ס באציהונג צום בעטלער. — אין די דאזיגע פרינציפען ליגט די רעטונג פון דער היינטיגער וועלט. — רעדע פון פיר־און־א־האלב שעה וואס האט געהאלטען דעם עולם געשפאנט.**

פון הרב א. ב. שורין

**דריי טעג אין חודש שבט, דער** יארצייט פון דעם באריכטען גאון רבי משה סאלאווייטשיק, נ"ע, געוועזענער ראש הישיבה פון ישיבת ר' יצחק אלחנן, איז פאר די לעצטע פערצען יאר געווארען א וויכטיגע דאטע פאר'ן היגען תורה אידענטום. דאס איז א טאג וואס די בני תורה פון ניו יארק און אומגעגענט האלטען טייער אין זייער זכרון, ווייל אין דעם טאג זאגט דער באריכטער גאון און געלערנטער, הרב דר. יוסף בער סאלאווייטשיק, א תורה־שיעור אין אנדענק פון זיין פאטער.

**היינטיגס יאר, ווי אלע יאר, איז דער גרויסער בית־מדרש פון ישיבת** ר' יצחק אלחנן געווען איבערפילט מיט'ן טויזענט קעפיגען עולם וועלכער איז געקומען הערען זיין שיעור. צווישען עולם האט מען געזעהן באריכטע רבנים, ראשי ישיבה, ישיבה בחורים פון אלע ישיבות, סטודענטען, פראפעסארען און סתם בעלי־בתים לומדים. אלע זיינען געקומען הערען און לערנען.

אט דער שיעור וואס איז שוין געווארען א יערליכע אקאדעמישע פאלקס טריבונע, איז שטענדיג דער געשפרעך פון טאג. ניט נאר רעדען וועגען דעם שיעור די וואס זיינען דארט געווען אנוועזענד, נאר אפילו די בני תורה וואס זיינען דארט ניט געווען זיינען שטארק פאראינטערעסירט צו הערען וואס הרב סאלאווייטשיק האט יעדען יאר מחדש געווען.

פיר און א האלב שעה כסדר, פון 8 אין אווענט ביז האלב נאך 12 אין מיטען נאכט האט הרב סאלאווייטשיק געהאלטען געשפאנט אט דעם קאלירפולען עולם. דער גאונ'ישער שיעור איז געווען מייסטערהאפט געפלאכטען פון הלכה, אגדה, פילאזאפיע און קלאסישען דרוש.

ס'איז אוממעגליך איבערצוגעבען אין א צייטונג־ארטיקעל אזא שיעור וואס האט געדויערט איבער פיר שעה. אבער מיר וועלען פרובירען ארויסברענגען אייניגע פון זיינע עיקר־געדאנקען, פון וועלכע מען קען זעהר פיל לערנען.

דער הויפט געדאנק זיינער איז געווען, אז אידישקייט איז באזירט אויף צוויי הויפט יסודות. בעסער געזאגט, אידישקייט לעבט מיט צוויי אידעען: די אידעע, אז דער מענש פארקערפערט אין זיך דעם צלם אלקים (די געטליכע געשטאלט), און די אידעע, אז דאס אידישע פאלק איז דאס אויסדערוועהלטע פאלק — אין פלוג געגנער מען זיינען דאס צוויי באזונדערע אידעען, איינער פאר דער מענשהייט בכלל און איינע פאר אידען בפרט, אבער נעמענדיג די צוויי אידעען אין שייכות בלויז צו אידען — זיינען אט די ביידע גרונט פרינציפען, האט הרב סאלאווייטשיק געזאגט, ניט בלויז א פריווילעגיע פאר'ן אידען, נאר פארקערט — זיי פארפליכטען אים גאר. זיי לעגען ארויף אויף אים גרויסע התחייבות'ען. און דער איד, כדי צו דערגרייכען שלימות, פאלקאמענהייט, סיי אין זיין אייגענעם לעבען אלס יחיד און סיי אין שייכות צו זיין פאלק, מוז דעריבער טייער האלטען אי די אידעע פון „צלם אלקים" און אי די אידעע, אז אידען זיינען אן עם הנבחר.

„צלם אלקים", וואס ווערט געוועהנליך געטייטשט אין חומש „געטליכע געשטאלט", זאגט דער רמב"ן, אז דער געדאנק פון דעם איז, אז יעדער מענש, קליין צי גרויס, דארף ווערען רעספעקטירט בלויז פאר דעם וואס ער איז א מענש, און ניט ווייל ער האט דערגרייכט א גרויסע קאריערע אין לעבען.

און דעריבער זאגען חז"ל, „אז דער וואס האלט אויף דאס לעבען פון איין מענשען איז פאררעכענט ווי ער וואלט אויפגעהאלטען די גאנצע וועלט". יעדער מענש דארף באטראכטען א צווייטען מענשען ווי ער וואלט געווען דער איינציגער אויף דער וועלט, און אויב יעדער וועט אזוי טראכטען, אז די גרעסטע וויכטיגקייט אין דער וועלט איז דער יחיד, דער אינדיווידועלער מענש, דאן וועט די וועלט דערגרייכען איר פאלקאמענהייט. און דאס וועט אויך אויסלייזען די מענשהייט פון איר געפאלענעם מצב. א מענש איז געגליכען צו א ספר תורה, זאגען חז"ל, דאס מיינט, אז דער מענש אלס אזעלכער איז הייליג. ער פארמאגט אן אריגינעלע אינדיווידועלע קדושה, וואס קומט פון איבערוועניג פון זיין געטליכען שורש. קיין אונטערשייד וואס דער מענש

ווי קען מען דאס גאר טאן אזא זאך, לאזען, חס ושלום, דעם כלל ישראל אויף הפקר, ווייל ווער ווייסט צי דער סגן כהן גדול וועט קענען ערפילען זיין פליכט אזוי גוט ווי דער כהן גדול, וואס האט זיך שוין לאנג געגרייט פאר'ן קומענדען יום כפור? און די פראגע קען נאר שטארקער ווערען: ווער איז עס דער „מת מצוה"? אפשר גאר א בעטלער, א פאסטוך, צי גאר א טרעמפ? און דאך, צוליב אט אזא פראסטער באשעפעניש, ווערט אויס כהן גדול און אויס מיט יום כיפור און מיט אלץ מיט אנאנדער!

אבער, יא, אזוי הייסט די פארעקשנ'טע הלכה: דער כהן גדול מוז זיך מטמא זיין און באגראבן דעם „מת־מצווה". נאכמער, ער טאר אפילו ניט געהן אין שטאט אריין רופען „חברא קדישא" זיך מיטפל צו זיין מיט אים, נאר ער מוז עס באלד טאן אליין.

פארוואס איז עס אזוי?

און דער ענטפער איז: ווייל דער מענש טראגט אויף זיך דעם „צלם אלקים". אין דער טראגיק פון טויט זיינען אלע גלייך, קיין אונטערשייד ווער דער מת איז, צי איז ער א ישעיה הנביא, צי א שלמה המלך, אדער גאר אן ארימער עלענדער פאסטוך. ווייל ווער ווייסט, אפשר האט גאר דער אומגליקליכער מענש פארמאגט מער גייסטיגע אייגענשאפטען ווי דער כהן גדול. נאר ער האט קיין מזל ניט געהאט. אפשר זיינען די אומשטענדען זיינע געווען אזעלכע, אז ער האט זיך ניט געקענט דערשלאגען צום ריכטיגען פלאץ, און דער כהן גדול האט יא געהאט מזל.

פאר'ן „צלם אלקים" פון יעדען מענשען, פסק'ענט דער רמב"ם, מוז מען לאזען מחלל זיין די כהונה, מען מוז לאזען יום כפור אן א זייט און אן אנדערער זאל גאר פירען די קדושת היום. און אויב דער כהן גדול זאל זיך גארניט מאכען וויסענדיג און אוועקשפאצירען, זאגט הרב סאלאווייטשיק, טאר ער גאר סיי ווי ניט אריינגעהן אין בית המקדש.

וואלט אזוינס געקענט פאסירען, א שטייגער, ביי א קעניג, אדער ביי אן אנדער גרויסער פערזאן אין דער וועלט, וואס האט שוין דורכגעמאכט אלע צוגרייטונגען פאר א גרויסען פאראד, וואו ער דארף געקרוינט ווערען, אדער אינסטאלירט ווערען, נאר צוליב עפעס אן ארימען געשטארבענעם בעטלער זאל דער קעניג אפלעגען זיין קאראנאציע? ניין, אזוינס קען ניט פאסירען. און אין דעם ליגט טאקע די טראגעדיע פון דער מענשהייט. ווייל אין דער ברייטער וועלט שפילט די ראלע דער גרויסער מענש, און ניט

געוועלט פון זיין געטלעכן שורש.
קיין אונטערשייד וואס דער מענטש איז, צי איז ער א נביא, א מלך, אדער א פשוט'ער פאלקס מענטש.

די הלכה, די אידישע יוריספרודענץ, האט פראקלאמירט די גלייכהייט פון אלע מענטשן וואס אנבאלאנגט צו כבוד הבריות.

הרב סאלאווייטשיק האט אילוסטרירט זיין געדאנק מיט א באקאנטער הלכה:

אלע ווייסן, האט ער געזאגט, אז א כהן גדול טאר זיך ניט מטמא זיין מיט א פארשטארבענעם, אפילו ניט צו די נאענטסטע פון זיין פאמיליע, ווי א פאטער, א מוטער, א ברודער און שוועסטער. ער טאר אפילו ניט גיין צו זייער לוויה. די הלכה פסק'ענט: ווי, אז א כהן גדול גייט אונטערוועגנס און ער געפינט א טויטן אידן אין פעלד, איז דער דין, אז דער כהן גדול מ ו ז זיך מטמא זיין און אים ברענגען צו קבורה. אט אזא פארשטארבענער, וואס מען געפינט ווייט אין פעלד, וואו ס'זיינען קיין מענטשן ניט פאראן, רופט זיך א „מת מצוה".

היינט, זאגט הרב סאלאווייטשיק, לאמיר זיך פארשטעלן ס'איז ערב יום כפור. **דער כהן גדול איז באלד גרייט אריינצוגיין אין קודש הקדשים בעטן פאר אלע אידן א** סליחה ומחילה. דאס גאנצע אידישע פאלק ווארט אויף אים, אויף דעם כהן גדול, וואס טראגט אויף זיינע פלייצעס די אחריות פון כלל ישראל פאר'ן קומענדן יאר. אין אים ווענדט זיך די צוקונפט פון אידן. און דא פלוצלונג גייט דער כהן גדול און געפינט א מת־מצוה. דער כהן גדול ווייסט גאנץ גוט, אז אויב ער וועט זיך מטמא זיין מיט דעם פארשטארבענעם טאר ער שוין אין קודש הקדשים פון בית המקדש ניט אריין. איצט לאמיר זיך פארשטעלן דעם כהן גדול'ס געדאנקען: פון איין זייט ליגט פאר אים דער „מת־מצוה". פון דער צווייטער זייט ווייסט ער, אז עס ווארט אויף אים כלל ישראל אויסצובעטן פאר זיי א גוט יאר. וואס זאל ער טאן?

• די צוויי פליכטן שטייען פאר אים מיט דער גאנצער שארפקייט: דער עלנטער פארשטארבענער מענטש אין פעלד, וועמען מען מוז מקבר זיין, כדי צו פארמיידן בזיון המת, און די פליכט פון אריינגיין אין הייליגסטן פלאץ, אין הייליגסטן טאג פון יאר. קומט צו גיין די קלארע הלכה און פסק'ענט: דער כהן גדול מוז זיך מטמא זיין און מוז באגראבן דעם עלנטן אידן און זיין פלאץ אין בית המקדש זאל פארטרעטן דער סגן כהן גדול. דאס מיינט, דער וויצע כהן גדול.

און אויב איינער וועט פרעגן:

אין דער בריאה וועלט שפילט די ראלע דער גרויסער מענטש, און ניט דער פשוט'ער אריטער פאלקס מענטש.

**די מענטשהייט קען אויסגעלייזט ווערן,** באטאנט שטארק הרב סאלאווייטשיק, בלויז דאן ווען מען וועט אומקערן דעם כבוד, די ווירדע, צום יחיד און דעם פשוט'ן מענטשן, בלויז דערפאר ווייל ער איז א מענטש. אידישקייט, אמת'ע אידישקייט, לערנט טאקע אט די עטישע פרינציפן.

**א צווייטע אילוסטראציע, האט הרב סאלאווייטשיק געגעבן אזוי:**

די תורה דערציילט: ווען נח האט זיך אנגע'שיכור'ט און האט זיך אנטבלויזט ביי זיך אין געצעלט, זיינען געקומען נח'ס קינדער, שם און יפת, און גענומען א דעקע און האבן צוגעדעקט זייער פאטער. אבער די תורה זאגט, אז שם האט דער ערשטער גענומען די דעקע, און יפת האט זיך אנגעשלאסן מיט אים אין דער זאך. דאס הייסט, דער איניציאטאר פאר דעם גוטן טאט פון פארמיידן א בזיון פאר'ן פאטער איז געווען שם. אזוי קומט אויס פון לשון פון פסוק (ווייל עס שטייט ויקח און ניט ויקחו).

**שם (פון וועמען אידן שטאמען)** איז געווען די פערזאן פון עטיק, און יפת — פון עטיקעט. ווי נאר שם האט דערזען, אז א מענטש און א טאטע ווערט פארשעמט, איז ער באלד געלאפן און געכאפט די דעקע, כדי אים צוצודעקן. אבער יפת, וואס איז געווען א מענטש וואס האט געלעגט אכטונג בלויז אויף אויסערליכער שיינקייט, האט אים ניט געארט אזוי שטארק זיין פאטער'ס בזיון. ערשט דאן ווען ער האט געזען וואס שם טוט, האט ער זיך געשטעלט ביי דער זייט פון שמ'ען.

און דא ליגט דער טיפער אונטערשייד, דער טיפער תהום צווישן אידן און דער וועלט. ביי אידן איז די הויפט זאך קדושה, די הייליגקייט און ווירדע פון מענטשן, וואס קומט פון אינעווייניג. אבער די וועלט, פארקערט, לייגט דעם טראפ בלויז אויף דער אויסערליכקייט פון מענטשן. דאס הייסט, אויף דער פאזיציע וואס דער מענטש האט אין עפנטליכן לעבן. אין דער וועלט שפילט די ראלע דער גרויסער וויסנשאפטסמאן, דער הערשער, דער דיפלאמאט, דער מיליאנער און דער אינדוסטריאליסט. ביי אידן שפילט די ראלע דער מענטש אליין, דער פאלקסמענטש ווי די גרויסע בארימטהייט, דער פאסטוך ווי דער קעניג, און דער שווארצער ארבייטער ווי דער פאבריקאנט.

ר' חיים בריסקער (דער זיידע פון הרב סאלאווייטשיק) האט אמאל געזאגט: איבער אלע ימים קען מען בויען בריקן, אבער מען קען ניט בויען קיין בריק איבער'ן תהום פון בין ישראל לעמים. אלע בריקן וואס די אסימילאטארן האבן געבויט ביז היינט זיינען איינגעפאלן. דער אונטערשייד צווישן אידישקייט און וועלטליכקייט באשטייט אין דער א נ ד ע ר ש ק י י ט, וואס איז די וואנט צווישן די צוויי וועלט־אנשויאונגען. און די אנדערשקייט רופט זיך: ק ד ו ש ה. ווי אידן זאגן אין הבדלה: „המבדיל בין קודש לחול, בין ישראל לעמים".

**און נאר אזא פאלק וואס האלט אזוי הויך די אידעע פון מענטשליכער ווירדע איז בארעכטיגט זיך צו רופן דער עם הנבחר.**